בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון מ"ב

פרשת שמות
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### חִינוּךְ אִיז אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

וֶוען מֶען רֶעדְט בַּיי דְרָשׁוֹת פוּן 'מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס' - מֵיינְט עֶס נִישְׁט נָאר זֵיי, מֶען נִיצְט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אוֹיסְדְרוּק 'מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס' וַוייל אַזוֹי רוּפְט מֶען עֶס בִּכְלָלִיוּת, אָבֶּער עֶס מֵיינְט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס טוּט סֵיי וֶועלְכֶע אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער, עֶס מֵיינְט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס הָאט עֶפֶּעס אַ שַׁיְיכוּת מִיט דִי מוֹסָד; אַ מְלַמֵּד, אַ לֶערֶערִין, אַ בָּאס רֶבִּי, אַ בָּאס לֶערֶערִין, אַ לָאנְטְשׁ רֶבִּי, אַ לָאנְטְשׁ לֶערֶערִין, אַ שְׁפִּילְן לֶערֶערִין, אַ נֵייעֶן לֶערֶערִין, אַפִילוּ דֶער לֵייף גַארְד (מַצִּיל) וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אִין סְווִימִינְג פּוּל (שְׁוִוים בַּאסֵיין) בִּשְׁעַתְ'ן שְׁווִימֶען, - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס הָאט עֶפֶּעס אַ שַׁיְיכוּת אוּן אַרְבֶּעט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאט אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָּה דָאס צוּ טוּן.

אִיךְ רֶעד דָא צוּ דִי 'מְלַמְּדִים', אָבֶּער אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט צוּ דִי מְלַמְּדִים זֶענֶען אוֹיךְ פַּאסִיג פַאר לֶערֶערִינְס, דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נוֹגֵעַ סֵיי פַאר מְלַמְּדִים אוּן סֵיי פַאר לֶערֶערִינְס; אוֹיךְ וֶוען אִיךְ כַאפּ אַמָאל אָן אַ מָשָׁל אוּן אִיךְ זָאג "לֶערֶערִינְס", מֵיינְט עֶס נִישְׁט אַז דָאס אִיז נָאר נוֹגֵעַ אִין שׁוּלֶע, בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אוֹיךְ נוֹגֵעַ בַּיי אִינְגְלֶעךְ, עֶס קֶען זַיין אַז דֶער בֵּיישְׁפִּיל דַארְף מֶער חִיזוּק אִין שׁוּלֶע.

### אִיךְ הָאבּ לִיבּ מַיין אַרְבֶּעט?

דִי עֶרְשְׁטֶע ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵּד דַארְף ווִיסְן אִיז, פַארְוָואס עֶר קוּמְט אִין חֵדֶר, אוֹיבּ עֶר ווִיל זַיין אַרְבֶּעט, עֶר הָאט לִיבּ זַיין אַרְבֶּעט אוּן עֶר פִילְט גְלִיקְלִיךְ מִיט זַיין אַרְבֶּעט, אָדֶער זוּכְט עֶר פָּשׁוּט אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן זַיין הוֹיז אָדֶער דַארְף עֶר אַ דְזָשַׁאבּ.

אִיךְ הָאבּ פּוּנְקְט גֶערֶעדְט מִיטְ'ן מְנַהֵל פוּן חֵדֶר, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס קוּקְט מִיר אוֹיס אַז אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְּדִים קוּמְט דָא סְתָּם כְּדֵי אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם מְנַהֵל עֶר זָאל רֶעדְן מִיט יֶענֶעם מְלַמֵּד אוּן אִים זָאגְן: **"אוֹיבּ מֶען זוּכְט פַּרְנָסָה אִיז דָא בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסוֹת ווִי זַיין אַ מְלַמֵּד"**. (בַּיי פְּרוֹיעֶן וֵוייס אִיךְ נִישְׁט צִי עֶס אִיז דָא אַ בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסָה ווִי קוּמֶען אִין שׁוּלֶע, וַוייל דָא אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ קוּמֶען אַרְבֶּעטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ פְרֵייעֶ וֶועג צוּ דִי שׁוּלֶע, מֶען בַּאקוּמְט פְרֵייעֶ בֶּעבִּי סִיטִינְג, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אוּן מֶען טְרֶעפְט זִיךְ חַבֶר'טֶעס...)

אַ מְלַמֵּד דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס פְרֶעגְן: **"הָאבּ אִיךְ לִיבּ מַיין אַרְבֶּעט? אִיךְ פִיל גְלִיקְלִיךְ מִיט מַיין אַרְבֶּעט? אָדֶער אִיךְ קוּם פָּשׁוּט אַהֶער וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶעקְן דִי חוֹדֶשְׁ'לִיכֶע גֶעהַאלְט, אִיךְ מוּז אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַפָּאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ וָואךְ?!"** - אוֹיבּ אִיז דָאס דֶער עֶנְטְפֶער, וֶועסְטוּ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין!

אוֹיבּ מֶען קוּמְט אַהֶער וַוייל מֶען הָאט אַ גֶעפִיל פַאר אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, מֶען הָאט אַ גֶעפִיל פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען ווִיל אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, מֶען ווִיל מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער - דֶעמָאלְט קֶען מֶען מוֹרָא'דִיג מַצְלִיחַ זַיין.

## • דָאס אִיז דַיין קִינְד!

### אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְפְן קוּמֶען אָנְגֶעטוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען; בַּיי לֶערֶערִינְס אִיז דָאס זֵייעֶר ווִיכְטִיג, וַוייל מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן 'מוֹחִין דְקַטְנוּת', מוֹחִין דְקַטְנוּת מֵיינְט - אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִינֶעוֵוייניג.

דֶערְפַאר, אַז אַ לֶערֶערִין ווִיל מֶען זָאל מְקַבֵּל זַיין וָואס זִי רֶעדְט, קֶען זִי נִישְׁט קוּמֶען אָנְגֶעטוּן מִיט אַלְטֶע שְׁמַאטֶעס, מֶען מוּז קוּמֶען אָנְגֶעטוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען, קְלַאסִישׁ אוּן שֵׁיין, וַוייל אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי מֵיידְלֶעךְ, וֶוער אִיז אַ גוּטֶע לֶערֶערִין אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן? - וֶוער עֶס זֶעט אוֹיס גוּט! אוֹיבּ דִי לֶערֶערִין זֶעט אוֹיס גוּט, הֶערְט מֶען אוֹיס וָואס זִי זָאגְט.

דָאס אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס יֶעדֶע אִידִישֶׁע פְרוֹי מוּז גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען, צוּ מַאכְן אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם.

דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קיד.): **"כָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁנִּמְצָא רְבָב עַל בִּגְדוֹ חַיָּיב מִיתָה"**, אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט פְלֶעקְן אִיז זֵייעֶר הַארְבּ, פַארְוָואס אִיז עֶס אַזוֹי הַארְבּ? - וַוייל עֶר טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ אַן אַחְרָיוּת, מֶענְטְשְׁן קוּקְן אוֹיף אִים, אוֹיבּ גֵייט עֶר נִישְׁט אָנְגֶעטוּן זוֹיבֶּער אוּן רֵיין וֶועלְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן: **"אַזוֹי קוּקְט מֶען אוֹיס וֶוען מֶען אִיז עֶרְלִיךְ?!" "אַזוֹי קוּקְט מֶען אוֹיס וֶוען מֶען לֶערְנְט?!"**

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְפְן זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זֶען ווִי

אזוי אן ערליכער איד גייט אנגעטון.

## א ביכל מיט אלע נעמען פון די קינדער

אלע מלמדים און אלע לערערינס דארפן האבן א ביכל מיט אלע נעמען פון די קינדער, ווען מען גייט אהיים דארף מען איבער גיין די נעמען פון אלע קינדער און זיך מתבונן זיין אין מינוט, וואס איז מיט דעם קינד? - באקומט אויך דער קינד פון מיר א שמייכל אדער נאר יענער קינד? באקומט אויך דער קינד פון מיר גוטע ווערטער אדער נאר יענער קינד? פארוואס לאז איך דעם קינד האלטן זיין האנט א גאנצן טאג און דעם אנדערן קינד נישט? פארוואס האב איך פיינט דעם קינד? אפשר מעג איך נישט זיין דא מלמד אויב איך האב נישט ליב אלע קינדער איינציג!

מען דארף זיך מאכן א חשבון און זיין אמת'דיג מיט'ן אייבערשטן, מען דארף בעטן דעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער, איך וויל אז אלע מיינע תלמידים, אלע מיינע תלמידות זאלן באקומען פון מיר דעם זעלבן שמייכל, אלע זאלן באקומען פון מיר גוטע ווערטער, איך זאל יעדן אויסהערן ווען זיי רופן זיך עפעס אן".**

## א קינד רופט זיך אן נארישע זאכן

אויב א קינד רופט זיך אן נארישע זאכן אין קלאס, ווענדט זיך צי דאס קינד וויל שטערן אדער ער איז נאריש; אויב ער איז נישט אזוי קלוג זיך אנצורופן קלוגע זאכן, - וואס איז ער שולדיג? הערט מען אויס די נארישע זאך און מען פוצט עס צו, מען זאגט: **"טאקע אזוי"**, און מען זאגט עס איבער פאר די כתה אנדערש מיט נייע ווערטער וואס דאס קינד האט אפילו נישט געזאגט, כדי דאס קינד זאל נישט ווערן פארשעמט.

אבער אויב ער וויל שטערן, איז דאס שוין אן אנדערע זאך, דארף מען רעדן צום קינד, מען רופט אים ארויס אינדרויסן און מען זאגט אים: **"מען קען נישט שטערן אין כתה! איך האב דיך אזוי ליב, איך וויל דיך באלוינען און איך וויל דיר געבן גוטע זאכן, אבער פארוואס ווילסטו מיר שטערן?!"**

## איך וויל נישט זיין קיין נעבעך

מען דארף אראפ רייסן און חוזק מאכן אין כתה פון אומערוואקסנקייט; מען דארף רעדן צו די קינדער ווי נאריש עס איז זיך אויפצופירן בעבי'ש און נאריש, מען זאגט דאס נישט פערזענליך צו איין קינד, נאר מען רעדט צו זיך אליין, מען זאגט: **"איך זע אז עס זענען דא מיידלעך וואס זענען נעבעך בעיבי'ס, זיי ווייסן נישט ווי אזוי גרויסע קינדער פירן זיך אויף, זיי מיינען אז ווען מען פאלגט נישט א טיטשער איז עס א שטיק..." "איך זע אז עס זענען דא מיידלעך וואס זיי רעדן אריין און זיי מיינען אז אזוי ווערט מען גרויס..."** מען זאגט עס נאכאמאל און נאכאמאל ביז עס גייט אריין אין די קינדער'ס קעפ, און זיי מאכן אפ מער נישט צו טון די זאכן, ווייל 'איך וויל דאך נישט זיין קיין בעבי', 'איך וויל נישט זיין קיין נעבעך'.

די קינדער וואס זוכן צו גיין קעגן די לערערין, זיי טוען אנדערש וואס מען הייסט, זיי טוען עס נישט ווייל זיי ווילן מאכן א מלחמה מיט די לערערין, זיי טוען עס נאר ווייל זיי טראכטן: 'איך וויל אויך ווערן אן ארויפגעקוקטע מיידל אין קלאס, איך וויל מען זאל קוקן אויף מיר, איך וויל מען זאל רעדן פון מיר', אבער אויב מען רייסט עס אראפ, מען מאכן פון דעם חוזק, גייט עס צובייסלעך אריין אין זייערע קעפ, ביז זיי וועלן עס מער נישט טון.

## דו קריגסט זיך מיט א קינד?!

א מלמד איז צוגעקומען מיר פרעגן: דער ראש ישיבה זאל מיר זאגן אויב איך האב גוט געטון אדער נישט, איך האב געזאגט פאר אן עלטערער קינד - וואס לערנט נישט אין מיין כתה - בשעת'ן שווימען: **"לייג נישט אריין דעם בענקל אין סווימינג פול (שווים באסיין)"**, דער קינד האט נישט געפאלגט, ער האט יא אריין געלייגט דעם בענקל אין פול, האב איך אים געזאגט: **"נעם עס ארויס"**, דער קינד האט ווייטער נישט געפאלגט, ער האט זיך נישט וואוסענדיג געמאכט פון מיר נאר ווייטער געשווימען, האב איך אים געזאגט: **"קום ארויס!"** און ער שווימט ווייטער, האב איך אים נאכאמאל געזאגט: **"דו מוזט ארויס גיין פון פול, דו קענסט נישט דא זיין!"** און ער שווימט ווייטער, ער איז מיך בכלל נישט גורס... האב איך גענומען זיינע וועש און אריין געווארפן אין סווימינג פול, דער מלמד זאגט מיר: **"איך וויל וויסן צי איך האב גוט געטון ביים סוף פון די מעשה?"** זאג איך אים: **"דער אנהייב מעשה איז אויך שוין נישט גוט!"**

איך זאג אים: **"דו ביסט א שוטה?! א מטרף?! דו ווארפסט אריין א קינד'ס וועש אין פול?! וואס איז מיט דיר? דו קריגסט זיך מיט א קינד?!"**

קודם כל איז דא א כלל: **"אויב דו קענסט זיך נישט קריגן און געווינען - זיי צוזאמען מיט אים"**, - דאס איז מיין כלל אין לעבן, נישטא אזא זאך פון זיך קריגן סתם, אויב איך ווייס אז איך גיי נישט געווינען - הייב איך אפילו נישט אן; אז דו זעסט מיט וועם דו האסט צוטון, אז ער איז א קינד וואס וועט דיר סיי ווי נישט פאלגן, מאך זיך ווי דו באמערקסט נישט, טו עס פארוואסערן, כדי דו זאלסט נישט זיין ביים סוף דער פארלירער.

צווייטנס, נאכדעם ווען ער האט דיך נישט געפאלגט, קענסטו נישט אריין גיין אין א מלחמה קעגן אים און אריין ווארפן זיינע וועש אין פול; דאס איז נישט א קונץ, אוודאי ביסטו שטערקער פון אים, ער איז דאך א קינד און דו ביסט עלטער, איך האב ענק נישט אויפגענומען איר זאלט קומען זיך שלאגן מיט די קינדער, איך האב ענק אויפגענומען איר זאלט מחנך צו זיין קינדער.

פרעגט מיר דער מלמד: **"וואס דען וואלט איך געדארפט טון?"** זאג איך אים: **"דו וואלסט דאס מארגן געדארפט איבער געבן פאר זיין רבי, אים דערציילן ווי ער האט דיך נישט געפאלגט ביים שווימען, אפשר זאל אים זיין רבי קנס'ענען, אבער מען קריגט זיך נישט מיט א קינד!"** און איך האב אים געזאגט: **"אפשר זאל איך דיר נישט געבן אן עצה וואס צו טון קומענדיגע מאל, ווייל אויב דער עצה וועט זיך נישט אויסארבעטן וועסטו ווייטער אריין ווארפן זיינע וועש אין פול..."**

## מען דארף ליב האבן אלע קינדער

ביי לערערינס מאכט זיך מער אזעלכע מעשיות, א לערערין טראכט: 'די קינד איז מיין שונא, ווייל איך געב שמועסן און זי הערט מיך קיינמאל נישט אויס', ביז די לערערין מאכט אפ אויף א קינד: "דו הערסט נישט אויס מיינע שמועסן - הער איך נישט אויס דיינע שמועסן!..." "דו ביסט נישט אינטערעסירט אין מיך - בין איך נישט אינטערעסירט אין דיך!..." "דו האסט מיך נישט ליב - האב איך דיך צוריק נישט ליב!..."

עס איז דא אלע סארט נאטורן ביי קינדער, עס זענען דא קינדער וואס קומען אלץ צו די לערערין הערן נאך א ווארט און נאך א ווארט, נאכדעם זענען דא קינדער וואס הערן אויס וויינינגער, גלייך ווען דער בעל (גלאק) קלינגט, גייען זיי ארויס פון כתה, - איז וואס? ווייגן דעם זאלט איר נישט

ליב האבן דעם קינד?! איר זוכט אטענשאן פון די קינדער?!

א קינד וואס לויפט ארויס פון כתה גלייך ווען דער בעל קלינגט, איז נישט קיין פראבלעם, אזוי קומט עס, ביי ריסעס און לאנטש זאלן די קינדער זיך לויפן שפילן!

מען דארף ליב האבן אלע קינדער, און אז א קינד ווייסט נישט ווי אזוי מען באדאנקט זיך אדער זי ווייסט נישט ווי אזוי מען שמייכלט צו די לערערין - וועל איך איר עס אויסלערנען, דאס קינד ווערט נישט ביי מיר אן עקס, א גארנישט, ווייל זי באדאנקט זיך נישט פאר מיר.

## פארוואס רעדסטו אזוי אויף א קינד?!

אסאך מאל מאכט זיך ווען א מלמד קען נישט קומען, ער דארף איבער געבן זיין כתה פאר א צווייטן מלמד, זאגט ער פארדעם פאר'ן אנדערן מלמד: **"דער קינד לאז דא סתם זיצן", "דער קינד איז א קלאץ", "מיט דעם קינד איז א שאד די צייט צו רעדן מיט אים"**, - פארוואס רעדסטו אזוי אויף א קינד?! אפשר האסטו נישט קיין מהלך ווי אזוי צו מאכן דעם קינד דאווענען און דער אנדערער מלמד וועט יא קענען.

מען קען זאגן פאר'ן אנדערן מלמד: **"איך האב נישט קיין וועג מיט דעם קינד, אפשר וועסטו יא האבן א וועג מיט דעם קינד!"**

## אן ערליכער דאקטער

דער אייבערשטער זאל אפהיטן ווען מען פילט נישט גוט און מען גייט צו א דאקטער, קען מען גלייך זען צי דער דאקטער איז אן ערליכער דאקטער אדער א שלעכטער דאקטער, א טיפש, ווי אזוי? אויב ער זאגט: **"דו קענסט נישט ווערן אויסגעהיילט!"** - איז ער א שלעכטער דאקטער, ווער זאגט אז איך קען נישט ווערן אויסגעהיילט, אפשר איז עס דיין פראבלעם אז דו קענסט מיך נישט אויסהיילן?! אן ערליכער דאקטער וועט זאגן: **"איך קען דיך נישט אויסהיילן, איך ווייס נישט ווי אזוי מען מאכט דאס, זוך א צווייטן."**

דאס איז היינט די קללה פון די אזוי גערופענע 'שלום בית מאכער'ס', אויב ער זעט אז ער קען נישט מאכן שלום בית, זאגט ער גלייך: **"איר דארפט זיך גט'ן!" "עס איז נישטא וואס צו טון!"** - וואס הייסט אז עס איז נישטא וואס צו טון?! זאג אים: **"איך קען נישט, גיי זוך איינעם וואס קען יא מאכן שלום בית!"**

## דאס איז דיין קינד!

וואס וואלט דער מלמד געטון ווען דער פארקלאצטער קינד איז זיין קינד, וואס וואלט דער מלמד געטון ווען דיין קינד'ס נאז רינט און רעדט האלבע ווערטער מיט א פארשטאפטע נאז, דו וואלסט געוואלט אז זיין מלמד זאל אים געבן א שטופ: **"גיי אוועק פון דא, דיין נאז זאל שוין אויפהערן צו רינען"?!**

עס שטייט אין די הייליגע גמרא (סנהדרין יט.): **"כל המלמד בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו"**, ווער עס לערנט תורה מיט א צווייטנס קינד, איז אזוי ווי ער האט אים געבוירן, זאגט מוהרא"ש: דאס איז נישט קיין קאמפלימענט, אז מען זאגט פאר'ן מלמד: **"וואוו! דו ביסט זיין טאטע!"** נאר מען זאגט פאר'ן מלמד מיט א שטרענגן טון: **"נו נו, דאס איז דיין קינד!"** דיין קינד וואלסטו דאך יא פארשטאנען אז אמאל קומט ער שפעט און אמאל האט ער נישט געגעסן פרישטאג, און אמאל קומט דיין טאכטער מיט פארקניפטע האר און פארדרייטע טייץ, און היינט הערט ער נישט אויס ווייל ער איז נעכטן געגאנגען שלאפן שפעט, - די זעלבע זאלסטו פארשטיין אלע דיינע תלמידים!

עס זענען דא עלטערן וואס האבן נעבעך נישט קיין סטראקטשער (סדר) אינדערהיים, מען באדט די קינדער איינמאל אין זיבן יאר... עס איז נישטא אזא זאך אז 'יעצט דארף מען גיין שלאפן', און 'מען דארף עסן געזונט', די קינדער וואס קומען פון אזעלכע שטיבער זענען זייער צעפאר, וואס דער מלמד זאגט - זאגן זיי פארקערט, דארף מען וויסן אז די קינדער ווילן נישט זיין שלעכט! עס איז נישטא א קינד וואס וויל זיין שלעכט, עס איז נישטא א קינד וואס וויל גיין קעגן זיין מלמד, מען דארף פארשטיין די קינדער.

טראכטס: 'וואס וואלט איך געוואלט מען זאל טון ווען דאס קינד איז מיין קינד?' - ווען דאס וואלט געווען מיין קינד וואלט איך יא געוואלט מען זאל נאכאמאל רעדן צו מיין קינד, איינער זאל אים אפוויישן די נאז, איינער זאל אים שיין אויסלערנען ווי אזוי מען האלט א פעדער, און ווי אזוי מען האלט א בוך אז עס זאל נישט פליען און עס זאל נישט ווערן צעריסן, איך וואלט געוואלט איינער זאל נאכאמאל רעדן צו אים שיינערהייט און אים אויפבויען.

## מען קען מחנך זיין א קינד אין דריי וואכן!

לערערינס פרעגן: **"וואס קען מען טון זומער ווען קינדער קומען אריין פון אנדערע שולעס וואס מען איז זיי נישט מחנך, די קינדער מאכן זיך נאריש אינמיטן כתה כדי מען זאל קוקן אויף זיי?"** - קודם כל, ברוך השם אז מען זעט די ארבעט וואס מען לייגט אריין אין בית פיגא, ביים רבי'ן לערנט מען אויס דרך ארץ און ערוואקסנקייט; יעצט וואס קען מען טון מיט זיי? - מען קען זיי אויך מחנך זיין!

מען קען מחנך זיין און טוישן א קינד אין דריי וואכן! אפילו א משפחה וואס שיקט אריין זייער קינד אין בית פיגא פאר א האלבע זומער, קען מען אויך טוישן צום גוטן.

איך געדענק פאריאר נאך זומער האבן מיר געזאגט אינגעלייט - וואס וואוינען אין אנדערע שטעט און זיי שיקן זייערע קינדער אין אנדערע מוסדות, אז זייערע קינדער זענען געווארן 'נייע קינדער' אין די פאר וואכן וואס זיי האבן געלערנט אין בית פיגא, זיי זענען געווארן מחונכ'דיגע קינדער, קינדער וואס רעדן שיין צו די מאמע און העלפן אינדערהיים.

## א ברכה ביי די קינדער

איך וועל ענדיקן דערציילן א שיינע מעשה, וואס איז גוטע חיזוק פאר מחנכים. איינמאל איז א תלמיד אריין געקומען צום הייליגן חתם סופר זכותו יגן עלינו, ער זעט ווי דער הייליגער רבי וויינט, פרעגט ער אים: **"פארוואס וויינט דער רבי?"** ענטפערט דער הייליגער חתם סופר: **"וואס הייסט פארוואס איך וויין?! איך בין אזוי פארנומען מיט די ישיבה, איך בין אזוי פארנומען מיט די קהילה, און וואס וועט זיין מיט מיינע קינדער? איך קום נישט אן צו פארהערן מיינע קינדער! איך קום נישט אן צו לערנען מיט מיינע קינדער!"**

דאס וואס מיר זענען היינט אידן, איז נאר א דאנק דעם הייליגן חתם סופר זכותו יגן עלינו! - האט זיך דער הייליגער חתם סופר אפגערעדט: **"וואס וועט אבער זיין מיט מיינע קינדער...?"**

האט דער תלמיד געזאגט פאר'ן רבי'ן: עס שטייט אין פסוק (תהלים לז, כו): **"כל היום חונן ומלוה, וזרעו לברכה"**, דער צדיק בארגט א גאנצן טאג פאר אנדערע אידן און זיינע קינדער ווערן געבענטשט, פרעגט ער דעם הייליגן חתם סופר, איז דען דער צדיק אזא גרויסער עושר?! א צדיק איז א באנקיר? ער האט

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

### • דָאס אִיז דַיין קִינְד!

אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט צוּ קֶענֶען בָּארְגְן אַ גַאנְצֶע טָאג פַאר מֶענְטְשְׁן?! - נָאר, - זָאגְט דֶער תַּלְמִיד: דֶער צַדִּיק הָאט טַאקֶע נִישְׁט קַיין גְרוֹיס פַּרְנָסָה, אָבֶער וָואס טוּט עֶר יָא? עֶר בָּארְגְט אַוֶועק זַיין גַאנְצֶע 'טָאג' פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **"כָּל הַיּוֹם"** - זַיין גַאנְצֶע טָאג, **"חוֹנֵן וּמַלְוֶה"** - גֶעבְּט עֶר אַוֶועק פַאר אַנְדֶערֶע.

סְתָּם אַ מֶענְטְשׁ טֵיילְט אַיין זַיין טָאג אַבִּיסְל פַאר דִי וַוייבּ, אַבִּיסְל פַאר דִי קִינְדֶער, אַבִּיסְל צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, אַבִּיסְל אוֹיף צוּ שְׁלָאפְן, עֶסְן אוּן גֵיין שְׁפַּאצִירְן, אָבֶער דֶער צַדִּיק נֶעמְט זַיין גַאנְצֶע טָאג אוּן גֶעבְּט עֶס אַוֶועק פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, וֶוערְט דָאךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם, וָואס וֶועט זַיין מִיט זַיינֶע קִינְדֶער? אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק: אִין דֶעם זְכוּת וָואס עֶר אִיז **"כָּל הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה"** - **"וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה"**, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט.

דָאס אִיז חִיזּוּק פַאר מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת, אַלֶע וָואס זֵייעֶר קָאפּ, מֹחַ אוּן לֶעבְּן אִיז אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, - זָאל מֶען וִויסְן אַז מֶען בַּאקוּמְט דֶערְפַאר אַ בְּרָכָה בַּיי דִי קִינְדֶער.

### מֶען בַּאקוּמְט סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא!

לֶערֶערִינְס זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין צַייט, זֵיי דַארְפְן גֵיין אַיינְקוֹיפְן קְלֵיידֶער וְכוּ', זָאלְן זֵיי וִויסְן אַז אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בַּאקוּמְט מֶען אַ בְּרָכָה אַז אַלֶע אִיבְּרִיגֶע זַאכְן זֶענֶען מַצְלִיחַ גְרִינְגֶער וִוי בַּיי אַנְדֶערֶע.

גֶעוֶוענְלִיךְ קֶען אַ פְרוֹי זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן אַפָּאר וָואכְן אִין גֶעשֶׁעפְטְן זוּכְן אַ קְלֵייד פַאר אַ שְׁוֶועסְטֶערְס חֲתוּנָה, אוּן זִי טְרֶעפְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט... אָבֶער אֵיינֶער וָואס הֶעלְפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער בַּאקוּמְט אַ בְּרָכָה אַז וֶוען זִי קוּמְט אַרַיין אִין גֶעשֶׁעפְט, זֶעט זִי גְלַייךְ דֶעם הֶענְגֶער וואוּ עֶס הֶענְגְט דֶער קְלֵייד וָואס פַּאסְט פַאר אִיר, עֶס קוּקְט מַמָּשׁ אוֹיס וִוי אֵיינֶער הָאט עֶס סְפֶּעצִיעֶל אוֹיפְגֶעגֶעגְרֵייט פַאר מִיר, דִי מָאס אוּן דִי פְּרַייז אִיז מַמָּשׁ גֶעאֵייגְנְט פַאר מִיר! דָאס מֵיינְט 'סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא' אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט בִּזְכוּת דֶעם וָואס מֶען טוּט פַאר יֶענֶעם, מֶען טוּט פַאר קִינְדֶער, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי אֵייגֶענֶע וֶועג פַאר קִינְדֶער, מֶען טְרַאכְט פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער.

**עֶנְדֶע פוּנֶעם שִׁיעוּר קוּמְט מִיטְ'ן**
**אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

## בִּרְיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### וִוי אַזוֹי פַארֶענְטְפֶערְט מֶען דִי קַשְׁיוֹת פוּן דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אֵיין זוּן וָואס וַואקְלְט זִיךְ אַבִּיסְל אִין עֶרְלִיכְקֵייט, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ קִינְדֶע"ר סַיי יוּנְגֶער אוּן סַיי עֶלְטֶער פוּן אִים. לֶעצְטֶנְס הָאט עֶר זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ נִישְׁט כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן, דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן פְרֶעגְן וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט דָאס, אוּן אוֹיךְ רֶעדְן זֵיי זִיךְ אָפּ אַז דִי קִינְדֶער פוּן זֵייעֶר קְלַאס מַאכְן חוֹזֶק פוּן זֵיי אַז זֵייעֶר בְּרוּדֶער הָאט טְרֵיפָה'נֶע זַאכְן; וִוי אַזוֹי עֶרְקְלֶער אִיךְ דָאס פַאר דִי קִינְדֶער אוֹיף אַ קְלוּגֶע פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶע וֶועג?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁט אַלֶע פְרַאגֶעס וָואס קִינְדֶער פְרֶעגְן - דַארְף מֶען עֶנְטְפֶערְן, וֶוען זֵיי פְרֶעגְן אַזֶעלְכֶע הַייקֶעלֶע פְרַאגֶעס דְרֵייְדְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס מִיט חָכְמָה.

קִינְדֶער זוּכְן אַלְץ דִי סָארְט תֵּירוּצִים; פַארְוָואס יֶענֶער מֶעג יָא אוּן אִיךְ טָאר נִישְׁט? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גֵיין שְׁלָאפְן וֶוען אַ צְוֵוייטֶער אִיז נָאךְ אוֹיף? קִינְדֶער זוּכְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן מִיט דִי טַעֲנָה פַארְוָואס יֶענֶער מֶעג אוּן מִיר טָארְן נִישְׁט; דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ זָאגְן: "וָואס קוּקְסְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? דוּ דַארְפְסְט טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג; וָואס יֶענֶער טוּט - הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִיר".

אַז דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים זָאגְן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי אִין חֵדֶר - דַארְפְסְטוּ רֶעדְן מִיטְ'ן מְלַמֵּד אוּן מִיטְ'ן מְנַהֵל זֵיי זָאלְן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלֶכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפוּלְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת וישלח תשפ"ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / -444-9169'212
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876